אייך פאַריתומט געוואָרן לפי שעה, פונעם פּנים,
נישט אין האַרצן, האָבּן מיר זיך פיל מער
באַמיט צו זעען אייער פּנים מיט גרויס פאַרלאַנג;
18 ווייל מיר האָבּן געוואָלט קומען צו אייך; טאַקע
איך, פּױלוס, און איינמאָל און אַ צווייטמאָל; און
19 דער שטן האָט אונדז געשטערט. וואָרום וואָס איז
אונדזער האָפענונג, אָדער פרייד, אָדער קרוין פון
באַרימונג? צי זענט איר עס דען נישט, פאַר אונדזער
20 האַר ישוע בּיי זיין אָנקומען? יאָ, איר זענט אונדזער
כּבוד און שמחה.

## קאַפּיטל דריי

1 דערפאַר, נישט קענענדיק עס לענגער אויס־
האַלטן, האָבּן מיר בּאַשלאָסן צו בּלייבּן אַליין
2 אין אַטען; און האָבּן געשיקט טימאָטעוסן דעם
בּרודער אונדזערן און ג־טס מיטאַרבּעטער אין דער
גוטער בּשורה פון דעם משיח, אייך צו שטאַרקן און
3 טרייסטן וועגן אייער אמונה, כּדי קיינער זאָל זיך
נישט וואַקלען אין די דאָזיקע צרות; וואָרום איר
4 ווייסט אַליין, אַז דערצו זענען מיר בּאַשטימט. וואָרום
אַפילו ווען מיר זענען געווען בּיי אייך, האָבּן מיר
אייך פאָרויסגעזאָגט, אַז מיר וועלן ליידן צרות;
5 און אַזוי איז עס געשען, ווי איר ווייסט. צוליבּ
דעם, ווען איך האָבּ עס שוין לענגער נישט געקענט
דערטראָגן, האָבּ איך אויך געשיקט זיך צו דערוויסן
וועגן אייער אמונה, טאָמער האָט אייך דער אויס־
פּרוּווער אויסגעפּרוּווט, און אונדזער מי איז
6 געוואָרן צו גאָרנישט. איצט אָבּער ווען טימאָטעוס
איז געקומען צו אונדז פון אייך, און אונדז אָנגעזאָגט
די גוטע בּשורה וועגן אייער אמונה און ליבּע, און